99 יאר אלט און אים ערשט דעמולט געגעבן דעם יכולת צו ווערן א תמים, און ביז דעמולט איז ער געווען א בעל מום - דער אויבערשטער האט אים געדארפט גלייך בתחלת עבודתו זאגן "התהלך לפני והי' תמים", און אים געבן מצות מילה?!

וואס וויבאלד אז דאס איז א קשיא אין פשטות הכתובים, איז מוכרח צו זאגן אז אדער רש"י באווארנט עס ערגעץ וואו, אדער ס'איז אזוי פשוט אז רש"י דארף עס גאר ניט מפרש זיין.

עא. ע"ד ווי די שאלה הנ"ל בנוגע צו אברהם (פארוואס האט דער אויבערשטער גלייך אין תחלת העבודה פון אברהם אים ניט געגעבן מצות מילה אז ער זאל ווערן א תמים, אויס בעל מום) איז דא א שאלה אין מדרש (ב"ר פי"א ובפירש"י שם):

א פילוסוף האט אמאל געפרעגט, אויב דער אויבערשטער האט געוואלט אז מ'זאל זיין מהול און ניט קיין ערל, פארוואס האט ער לכתחילה ניט באשאפן דעם מענטשן א מהול?

האט מען אים געענטפערט: "כל מה שנברא בששת ימי בראשית צריכין עשי', כגון .. התורמוסים צריך למתוק כו', אפילו אדם צריך תיקון", און ווי רש"י טייטשט אפ (אין מדרש) אז "אשר ברא אלקים לעשות" מיינט "לעשות - לתקן".

דער בן חמש למקרא האט אבער ניט געלערנט מדרש מיט פירש"י, און ביי אים איז די שאלה פון דעם פילוסוף לכתחילה קיין שאלה ניט, וואס דערפאר דארף דאס רש"י ניט מפרש זיין בפירושו על התורה:

דער בן חמש למקרא ווייס בפשטות אז גאנץ (רובו פון) תורה ומצוות דארף א איד טאן:

בשעת מ'דארף האבן א טלית קטן מיט ציצית, ווערט עס ניט גלייך באשאפן פון דעם אויבערשטן, נאר מ'דארף האבן א כבש און דערפון נעמען צמר, און דערפון מאכן חוטין, און ערשט דעמולט דארף א איד מאכן פון די חוטין ציצית.

עד"ז בשעת מ'דארף האבן א סוכה דארף מען דערצו האבן פסולת גרן ויקב, און ניט די סוכה ווערט געמאכט און קומט אראפ מלמעלה, נאר מ'דארף עס אליין בויען, [וועגן דעם דין אז א סוכה טאר ניט זיין " עשוי" נאר מ'דארף עס בויען ווייס נאך ניט דער קינד - אבער ער ווייס בפשטות אז מ'דארף בויען א סוכה].

ועד"ז פארשטייט ער בפשטות פארוואס דער אויבערשטער האט מלכתחילה ניט באשאפן א אידן מהול, ווארום מצות מילה דארף אויפגעטאן ווערן דורך די מעשה פון א איד.

וואס איז ביי אים אבער יע א שאלה, איז - פארוואס האט דער אויבערשטער ניט געזאגט אברהם "התהלך לפני והי' תמים" און אים געגעבן מצות מילה פאר דעם וואס ער איז געווארן 99 יאר?

וכפי שיתבאר לקמן.

עב. אין די הערות אויפן זהר פון פרשתנו, שטעלט ער זיך (לקוטי לוי"צ לזח"א ע' נג) אויף כמה פרטים פון א סיפור נפלא וואס ווערט דערציילט אין זהר (ח"א פח, א ואילך), ער איז אבער ניט מבאר דער כללות הסיפור, וואס אין דערויף זיינען דא כמה ענינים שצריכים ביאור (כדלקמן).

דער סיפור אין זהר:

ר' אבא איז אמאל געקומען "מהתם" (פון ארץ ישראל קיין בבל, אדער פון בבל

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

קיין א"י), און ער האט מכריז געווען: "מאן בעי עותרא (עשירות) ומאן בעי אורכא דחיי בעלמא דאתי ייתי וישתדל באורייתא [ווי עס שטייט (משלי ג) "אורך ימים בימינה וגו'", ווי דער זהר זאגט פריער]" הוו מתכנשין כולי עלמא לגבי'".

דארטן איז אויך געווען א "רווק חד", א ניט קיין חתונה געהאטער בחור, וואס "יומא חד אתא לגבי' (צו ר' אבא) א"ל: ר' בעינא למלעי באורייתא כדי שיהי' לי עותרא", האט אים ר' אבא געזאגט "הא ודאי", און ער האט ביי אים געפרעגט "מה שמך", האט דער רווק געענטפערט אז זיין נאמען איז יוסי, האט ר' אבא געזאגט צו זיינע תלמידים אז מ'זאל אים אנרופן "ר' יוסי מארי דעותרא ויקרא", און דער רווק "יתיב ואתעסק באורייתא".

א משך זמן שפעטער איז דער רווק צוריקגעקומען צו ר' אבא און אים געזאגט "אן הוא עותרא", האט ר' אבא געזאגט "שמע מינה דלאו לשם שמים קא עבדי", און ר' אבא איז "עאל לאדרי'", אריין צו זיך אין חדר, און דארטן "שמע חד קלא דהוה אמר לא תענשי' דגברא רבא ליהוי'".

און ווי מפרשים זיינען מפרש אז ר' אבא האט אים געוואלט מעניש זיין פאר זיין לימוד התורה שלא לשמה, און מצד דעם וואס ער האט געהערט דער קול מלמעלה אז "לא תענשי' דגברא רבא ליהוי" האט ער אים ניט מעניש געווען.

דערנאך איז ר' אבא צוריקגעקומען צו דעם רווק און אים געזאגט "תיב ברי תיב ואנא יהיבנא לך עותרא".

אין יענער זמן איז געקומען צוגיין צו ר' אבא "גברא חד ומאנא דפז בידי' כו'", און ווי ער זאגט ווייטער אז ער האט געהאט י"ג כוסות פון פז אויף זיין שולחן, וואס דאס באווייזט אויף דער גודל העשירות זיינער, ווארום "פז" איז נאך טייערער ווי גאלד, ווי מ'טייטשט אין חדר "פז" - "גין-גאלד",

[אזוי האט מיר מיין מלמד אויך געטייטשט דעם ווארט "פז", "גין-גאלד".

האב איך ביי אים דעמולט געפרעגט: גאלד ווייס איך וואס דאס איז, ווארום עס זיינען דא גילדענע צענערלאך - אבער וואס איז דאס "גין-גאלד"?

האט ער מיר געזאגט אז ווען דו וועסט אויסוואקסן וועסטו וויסן וואס דאס איז.

אבער עד היום הזה ווייס איך ניט וואס "גין-גאלד" איז! און איך פארשטיי אז דער מלמד האט דעמולט אויך ניט געוואוסט וואס דאס מיינט, האט ער זיך געכאפט אויף א המצאה צו מיר זאגן אז ווען איך וועל אויסוואקסן וועל איך דעמולט וויסן וואס דאס איז.

- עכ"פ "פז", "גין-גאלד", איז טייערער פאר סתם גאלד].

און ער האט געזאגט צו ר' אבא: "ר' בעינא למזכי באורייתא ואנא לא זכינא, אית לי עותרא סגי דקא שבק לי אבא דכד יתיב על פתורי' הוה מסדר עלי' תליסר כסי מאלין, ובעינא למזכי באורייתא ואנא יהיבנא עותרא".

האט ער געזאגט "לההוא רווק": "תשתדל באורייתא ודא יהיב לך עותרא", און דער נאך "יהב לי' ההוא כסא דפז".

ס'איז דערנאך אדורך א משך זמן, און "יומא חדא הוה יתיב (דער רווק) והוה בכי", האט ר' אבא געזען ווי ער וויינט האט ער ביי אים געפרעגט: "על מה קא בכית"? האט ער געענטפערט "ומה מנחנא חיי דעלמא דאתי בגין האי לא בעינא אלא למזכי לגבאי",

האט ר' אבא געזאגט "השתא ש"מ דהא לשם שמים קא עביד", און ער האט אים געזאגט "טול עותרך והב לי' ליתמי ולמסכני כו'".

"אהדר לי' ר' יוסי ההוא כסא דפז ועד יומא לא אעדי שמי' ומן בנוי בן פז', והיינו ר' יוסי בן פזי כו'".

ע"כ דער סיפור אין זהר.

עג. דער טאטע אין די הערות איז נאר מבאר דער ענין וואס בא דעם עשיר איז געווען י"ג כוסות פון פז על שולחנו - אז שולחן איז לנגד שושנה (ווארום שולחן איז מלכות און כנס"י), "והי"ג כסי הוא לנגד הי"ג עלין דשושנה" (ווי עס שטייט אין זהר בתחלתו אז א שושנה האט י"ג עלין), וואס די י"ג עלין דשושנה זיינען אויך כנגד די י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן,

און דער עשיר "רצה ליתן כל העושר שלו הי"ג כסי הגשמיים בכדי שיתעסקו בתורה בשבילו בהי"ג מדות שהתורה נדרשת בהן כו'".

עד. אין דעם סיפור זיינען אבער דא נאך כמה ענינים וואס צריכים ביאור:

עס שטייט (סוטה כא, סע"א ובפרש"י ויק"ר פכ"ה, ב. ועוד) אז דאס וואס שמעון אחי עזרי' ווערט אנגערופן מיט דעם נאמען איז - דערפאר וואס שמעון האט געלערנט תורה "ע"י אחיו (עזרי') שהי' עוסק בפרקמטיא כדי שיחלוק בזכות לימודו של שמעון, לכך הוא נקרא על שם עזרי' אחיו",

און אזוי ווי דאס איז געווען בא יששכר און זבולון, ווי עס שטייט "ולזבולון אמר שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך" - אז "ע"י שהי' זבולון מפרש מישוב ועוסק בפרקמטיא ובא ונותן לתוך פיו של יששכר נותן לו שכר בעמלו, לפיכך נקרא הפסוק על שמו שנא' שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך".

לאידך גיסא זאגט אבער די גמרא (סוטה שם) אז "הלל ושבנא אחי הוו, הלל עסק בתורה שבנא עבד עיסקא, לסוף א"ל תא נערוב ונפלוג, יצתה בת קול ואמרה אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה בוז יבוזו לו (שה"ש ח, ז)", ד.ה. אז מ'קען ניט פארבייטן די תורה פאר געבן געלט.

און דאס איז קיין סתירה ניט צו דעם וואס עזרי' האט באקומען א חלק אין די תורה פון שמעון, דורך דעם וואס ער האט אים אויסגעהאלטן -

ווארום דער חילוק איז ווי דער רמ"א זאגט (שו"ע יו"ד סרמ"ו ס"א): "יכול אדם להתנות עם חבירו שהוא יעסוק בתורה והוא ימציא לו פרנסה ויחלוק עמו בשכר (כלומר שכר תורה ושכר מה שירויח זה יהי' בין שניהם ביחד (ש"ך שם), אבל אם כבר עסק בתורה אינו יכול למכור חלקו בשביל ממון שיתן לו".

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צו שמעון אחי עזרי' און הלל ושבנא: בא שמעון און עזרי' האט מען פאר דעם לימוד התורה אפגערעדט אז מ'וועט צוטיילן די שכר פון תורה, משא"כ בא הלל און שבנא איז דאס געווען נאך דערויף וואס "כבר עסק בתורה", ווי די גמרא זאגט "<u>לסוף</u> א"ל כו'".

עפ"ז דארף מען אבער פארשטיין אין דעם סיפור אין זהר:

א) ר' יוסי האט דאך געלערנט תורה סתם אזוי אן קיין תנאי פאר דערויף אז אן עשיר וועט האבן אין דערויף א חלק - איז ווי האט דער עשיר אים געקענט געבן די כוסות <u>נאך</u> זיין לימוד התורה און דורך דערויף האבן א חלק בלימודו?

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

לאידך גיסא אויב דער עשיר האט יע א חלק אין דער לימוד התורה פון ר' יוסי דורך געבן אים די כוסות - איז ווי האט ר' יוסי שפעטער געקענט חרטה האבן דערפון?!

עה. אויך דארף מען פארשטיין אין דעם סיפור:

ב) ס'איז דאך דא דער דין בנוגע צו א גר (ב"מ נח, ב במשנה, רמב"ם הל' מכירה פי"ד הי"ג, טושו"ע חו"מ סרכ"ח ס"ד) אז "לא יאמר לו זכור מעשה אבותיך", ועד"ז בנוגע צו א בעל תשובה "לא יאמר לו זכור מעשיך הראשונים".

איז ניט פארשטאנדיק: נאך דערויף וואס ר' יוסי האט חרטה געהאט פון דעם וואס ער האט געלערנט תורה שלא לשמה (צוליב האבן עשירות) - איז פארוואס זאל מען דאס אים כסדר דערמאנען דורך ארייינשטעלן דאס אין זיין נאמען, אז ער הייסט ר' יוסי בן פזי צוליב די כוסות של פז וואס ער האט באקומען?!

ג) ס'איז דאך דא דער כלל (פסחים נ, ב. וש"נ. וראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ה"ג ובקו"א שם) אז "לעולם יעסוק אדם בתומ"צ (אדער ווי די צווייטע גירסא - "לעולם ילמוד אדם תורה") אע"פ שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה",

איז פארוואס האט ר' אבא געוואלט מעניש זיין ר' יוסי בשעת ער האט געזען אז ער לערנט תורה שלא לשמה?

ד) וואס איז דא דער דיוק אז ער איז געווען א רווק דוקא?

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

עו. די צוויי ענינים המדוברים לעיל, דער פירוש רש"י און דער ענין אין זהר, זיינען ביידע פארבונדן מיט פ' לך לך,

וואס נוסף לזה וואס זיי זיינען ביידע אין פ' לך לך (דער רש"י אין פ' לך לך בתושב"כ און דער זהר אין פ' לך לך אין זהר), איז אויך דא א קישור ביניהם בתוכן. והביאור בזה:

מ'האט פריער גערעדט (בהמאמר) אז "לך לך" איז דער ענין ההליכה בסדר והדרגה מלמטה למעלה,

ווי עס שטייט אין פשטות הכתובים אז דער "לך לך" פון אברם איז געווען "מארצך וממולדתך ומבית אביך" ביז אז ער איז אנגעקומען "אל הארץ אשר אראך":

פריער איז אברם געווען מיט תרח אין אור כשדים, דערנאך איז דארטן געווען דער ערשטער נסיון פון כבשן, וואס דאס איז געקומען מצד דערויף וואס בא "אחד הי' אברהם" איז געווען די אמונה אין ה' אחד, ניט אין ענין פון שיתוף, פון "אלקא דאלקיא", אבער אעפ"כ איז אברם דארטן דערנאך געבליבן, דערנאך איז ער פון דארטן אוועק אבער נאך אלץ מיט תרח, און דערנאך ווען ער איז געקומען אין ארץ ישראל איז ער געווען צוזאמען מיט זיין פלימעניק לוט, און ערשט "אחרי הפרד לוט מעמו" איז געווען "וה' אמר אל אברם גו'" (פרשתנו יג, יד), ווי רש"י טייטשט אפ אז "כל זמן שהרשע עמו הי' הדיבור פורש ממנו",

און אזוי איז אברם געגאנגען מדרגא לדרגא מלמטה למעלה ביז אז צו 99 יאר האט איבער דער אויבערשטער געזאגט "התהלך לפני והי' תמים", און ער האט באקומען די מצוה פון מילה, וואס דאס איז געווען דער לעצטער נסיון זיינער.

עז. וואס דאס איז אויך דער פירוש אין "לעולם יעסוק אדם בתומ"צ אע"פ שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה":

הנחה פרטית בלתי מוגה

פח. דער ביאור אין דעם סיפור אין זהר (עכ"פ בנקודות מצד קוצר הזמן):

דאס וואס דער עשיר האט געגעבן ר' יוסי די י"ג כוסות פון פז - קען מען זאגן בדוחק אז דאס רעדט זיך אז ער האט ארויסגענומען א תנאי אז ער זאל האבן א חלק אין די תורה וואס ר' יוסי וועט פון איצטער (ווען ער גיט אים די כוסות) און ווייטער לערנען תורה, און ניט אין די תורה וואס ער האט געלערנט פאר דערויף.

דער ביאור אין דעם פארוואס ר' אבא האט געוואלט מעניש זיין ר' יוסי פאר לערנען תורה שלא לשמה כאטש אז ס'איז דא דער כלל אז "לעולם יעסוק אדם בתומ"צ אע"פ שלא לשמה כו'" - קען מען זאגן אויף צוויי אופנים:

א) דער סיפור איז געטראפן פאר דערויף וואס דער "תלמיד ותיק" האט מחדש געווען אז "לעולם יעסוק אדם בתומ"צ אע"פ שלא לשמה כו'", און אפשר איז דער סיפור דער יסוד פון דעם מארז"ל.

ב) די גמרא (שבת לא, א) דערציילט בשבת פון הלל "מעשה בנכרי אחד שבא לפני שמאי, א"ל גיירני ע"מ שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת, דחפו באמת הבנין שבידו, בא לפני הלל גיירי', אמר לו דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושה הוא זיל גמור".

פרעגט מען אויף דערויף די שאלה: שמאי האט זיך דאך לכאורה געפירט ווי דער דין, אז ווען עס קומט צוגיין א גוי און וויל זיך מגייר זיין דארף מען אים דוחה זיין און בודק זיין צי ער וויל דאס ניט טאן צוליב אן ענין פון ממון אדער עריות וכיו"ב, משא"כ הלל האט זיך געפירט אין א פארקערטן אופן - איז פארוואס קומט אויס פון גמרא אז דער סיפור איז לשבח פון הלל?

ענטפערן מפרשים: אז הלל האט געזען דעם פנימיות פון דעם גוי, אז בעצם און בפנימיות וויל ער זיך מגייר זיין, ער האט עס אבער ניט געקענט זאגן בפירוש, ווארום יענער וואלט עס ניט געקענט נעמען - דערפאר האט ער אים געזאגט אז דערווייל זעץ זיך לערנען, "זיל גמור", און דערנאך (האט הלל געוואוסט) וועט נתגלה ווערן אז די כוונה פון דעם גוי איז לשמה.

עד"ז קען מען אויך זאגן דעם פירוש אין דעם סיפור אין זהר, אבער אין א פארקערטן אופן:

ר' אבא האט געזען אז ר' יוסי וויל דער עשירות מיט אזא תוקף גדול - אז ער האט ניט געקענט זען ווי דער לימוד התורה זיינער זאל דערנאך ווערן לשמה, דערפאר האט ער אים געוואלט מעניש זיין.

פט. למעלה האט מען אבער געזען נאך טיפער אין זיין פנימיות, אז ער וועט זיין א "גברא רבא", און זיין לימוד התורה וועט דערנאך זיין לשמה, און דערפאר האט מען געזאגט ר' אבא אז ער זאל אים ניט מעניש זיין.

עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק דער דיוק אין דעם וואס ער איז געווען א רווק דוקא:

אויב ער וואלט געווען א חתונה געהאטער האט ער דעם חיוב פון "שארה כסותה ועונתה לא יגרע", במילא דארף ער האבן געלט צוליב מקיים זיין די מצוה, איז אפילו אויב ער לערנט תורה שלא לשמה נאר צוליב די געלט - איז דאס עכ"פ צוליב א מצוה, קען ר' אבא דערפון ניט וויסן בודאות אז ער וועט קיינמאל ניט צוקומען צו לימוד התורה לשמה (וואס מצד דערויף האט ער אים געוואלט מעניש זיין);

וויבאלד ער איז אבער געווען א רווק, דארף ער קיין געלט ניט האבן, און

אעפ"כ לערנט ער תורה צוליב די עושר - האט ר' אבא דערפון פארשטאנען אז ער מאכט די תורה פאר א "קרדום לחתוך בו" פאר זיך אליין, ביז אין אן אופן אז דערנאך וועט ער עס ניט קענען מתקן זיין.

צ. דער ביאור אין דעם וואס ער ווערט אנגערופן ר' יוסי בן פזי:

די הוראה אז "לעולם יעסוק אדם בתומ"צ אע"פ שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה", איז אן ענין וואס האט א תוקף אין דעם וואס דאס איז א הוראה וואס שטייט נאר אין גמרא און אין שו"ע;

בשעת מ'זאגט אבער אז ס'איז געווען א מענטש וואס הייסט ר' יוסי בן פזי - האט מען דעמולט א לעבעדיקער איד, א לעבעדיקערביישפיל פון איינעם וואס איז "בן פזי" - וואס האט געלערנט תורה שלא לשמה, צוליב כוסות של פז (גין-גאלד), און דערנאך איז ער אבער געווארן ר' יוסי בן פזי, א רבי פון תלמידים!

צא. דער ביאור אין פירוש רש"י:

אויפן פסוק "ואברם בן שמונים שנה ושש שנים בלדת הגר את ישמעאל לאברם" (דער פסוק גלייך פאר "ויהי אברם בן תשעים שנה ותשע שנים וגו'") זאגט רש"י: "לשבחו של ישמעאל נכתב להודיע שהי' בן י"ג כשנימול ולא עיכב".

וואס א בן חמש למקרא פארשטייט דאך די חביבות פון יעדער ווארט אין תורה, און דא זאגט מען אז עס קומט צו א גאנצער פסוק לשבחו פון א גוי, און איינער וואס איז א "פרא אדם ידו בכל ויד כל בו".

וואס דערפון פארשטייט א בן חמש למקרא אז במכ"ש וק"ו ווען עס רעדט זיך וועגן אברהם אבינו, טוט דער אויבערשטער אן ענין מיוחד צו ארויסברענגען שבחו פון אברהם אבינו,

און דאס איז וואס דער אויבערשטער האט געווארט ביז אברהם זאל זיין 99 יאר ביז ער זאל אים געבן מצות מילה און דעמולט האט אברהם ניט געווארט נאר ער האט גלייך מקיים געווען דעם ציווי.

וואס דער חידוש בדבר איז מובן בפשטות: אפילו אויב אברהם וואלט באקומען די מצוה צו 13 יאר און וואלט דאס דעמולט מקיים געווען, איז דאס אויך פארבונדן מיט יסורים - אבער דעמולט איז ער א בעל כח; אפילו ווען ער וואלט דאס געטאן צו 86 יאר - האט ער דעמולט נאך אויך כחו במתניו;

משא"כ אבער צו 99 יאר איז דאך שוין תשש כחו של האדם, ביז אז ער האט שוין דעמולט ניט געקענט האבן קינדער (ראה פרש"י עה"פ פרשתנו יז, יז), ווי שרה האט געזאגט אז "אדוני זקן", און אע"פ אז דער בן חמש למקרא האט דאס נאך ניט געלערנט, קען ער אבער משער זיין אז דעמולט איז תשש כחו און קיין קינדער קען ער שוין ניט האבן, [ביז אז אפילו אין די אצטגנינות פון אברהם האט ער דעמולט ניט געדארפט האבן קינדער (פרש"י פרשתנו טו, ה)], און דערפאר האט אברהם געדארפט האבן א הבטחה מיוחדת אז ער וועט האבן קינדער -

און אעפ"כ האט זיך אברהם דעמולט מל געווען גלייך ווען ער האט געהערט דעם ציווי פון דעם אויבערשטן, "בעצם היום הזה".

וואס צוליב ארויסברענגען דעם שבח פון אברהם'ן האט דער אויבערשטער געווארט ביז ער איז געווען 99 יאר אויף אים זאגן "התהלך לפני והי' תמים" דורך מצות מילה.

צב. אין דערויף קומט צו נאך א זאך פון פירוש רש"י עה"פ:

הנחה פרטית בלתי מוגה